בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# נייעס פון קינדערגארטן




## ✪ברוכים הבאים פאר די נייע קינדער

ראש חודש טבת איז שוין דא אין א מזל'דיגע שעה, און דאס מיינט, אז עס זענען אריין געקומען אין חדר אסאך נייע וואוילע קינדערלעך, ווילן מיר זיי טאקע וואונטשן א הארציגן ברוכים הבאים בשם ד'. דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט אלע מצליח זיין אין אייער נייע חדר און שטייגן מיט מדות טובות און יראת שמים אזוי ווי עס איז די שטרעבן פון אייערע חשובע עלטערן שיחיו.

## ✪ראש חודש...

אזוי ווי יעדן ראש חודש, האבן מיר דעם ראש חודש טבת אויך באקומען א זיסווארג, אבער לכ' חנוכה, האבן מיר באקומען נישט סתם א קענדי, נאר א "דריידעלע קענדי". א פרייליכן חודש.

## ✪פרסומי ניסים

לכבוד חנוכה, יעדן צופרי ווען מיר קומען אן אין חדר מיט די באס, זעהן מיר וואו מ'צינדט אן די מנורה, מיר זעהן ווי די מנורה ווערט פילער פון טאג צו טאג, יעדן טאג מיט נאך א ליכטעלע. פאלגענד זענען די נעמען פון די קינדער וואס האבן אנגעצינדן די מנורה דורכאויס דעם חנוכה.

**ליפא בראך, מרדכי באנעט, יושע הערש ברויער, אפרים פריינד, שלמה זלמן בערנאטה, משה יצחק מאסרי, אבא'לע האלצמאן,. יודא יואל לעווינגער.**

אונזער מנורה ברענגט אריין אין אונז די פרייליכע און הייליגע חנוכה אטמאספערע, און מיר קענען נישט אראפ נעמען די אויגן פון די הייליגע חנוכה ליכט...

## ✪לאטקעלעך לכ' חנוכה

**זונטאג** - אזוי ווי עס איז דאך א מנהג ישרא' צו עסן אום חנוכה, לאטקעלעך, האט אונזער געטרייער קעכער מו"ה אהרן הערש בערקאוויטש שליט"א באשטעלט פאר אונז פיינע פאנקעלעך לכ' חנוכה, (מ'האט ספעציעל נישט באשטעלט די מיט דשעלי , נאר די פשוט'ערע וואס איז מער געאייגענט פאר די קליינע קינדערלעך) און מ'האט דאס אויסגעטיילט פאר אלע קינדערלעך.

## ✪אונזער חנוכה מסיבה

**מיטוואך,** (פאר די גרעסערע קינדער) די זיבעטע חנוכה לעכטעל זענען מיר זיך צוזאמענגעקומען אין לאנט"ש רו"ם, וואו מיר האבן מיטגעהאלטן א הערליכע חנוכה פראגראם. קודם זעהן מיר וויאזוי **מרדכי'לע פעלדמאן** צינדט אן די מנורה, מיר ציילן צוזאמען איינס, צוויי, דריי, פיר, פינעף, זעקס, זיבן, נאך איין לעכטעלע איז געבליבן, ווייל היינט ביינאכט, אי"ה וועט מען צינדן אכט.

נאכדעם הערן מיר זיך שיין צו, צו די מעשה פון דעם "דריידל". מיר הערן אז די שלעכטע יונים האבן צוגעשפארט אלע חדר'ס און ישיבות, זיי האבן נישט געלאזט לערנען קיין תורה, אבער אידישע קינדער ווילן זייער שטארק לערנען תורה. איז געגאנגען דער רבי **אשר לעמל בוכינגער** און האט גענומען דריי קינדער **מאיר סאאל, ישראלי ברוין, מענדי דרעזנער**, און זענען געגאנגען טיף טיף אין וואלד, זיי האבן זיך באהאלטן, און דארט האבן זיי געלערנט פלייסיג די הייליגע תורה. אינדרויסן פון וואלד איז געשטאנען א אינגעלע **שלמה יודא ניימאן**, און ער האט אכטונג געגעבן אויב עס קומט א יוני. פלוצלינג זעהט ער א יוני - **בעריש פעלדמאן** – קומט, איז ער שנעל געלאפן און ער האט געזאגט פאר די רבי אז א יוני קומט. דער רבי האט שנעל באהאלטן די סידור און ארויס גענומען די דריידל און זיך געשפילט. ווען דער יוני האט זיי געפרעגט שטרענג "וואס טוט עטץ דא?" האט דער רבי געטנפערט "מיר שפילן דריידל", עטנפערט דער יוני. אהו! דעס מעג עטץ טוהן אבער נישט לערנען תורה, און ער איז זיך אוועק געגאנגען....

יעצט הערן מיר אז באלד קומט אן א טראק און וועט ברענגן פאר אונז א סורפרייז לכ' חנוכה... אבער דערווייל ביז עס קומט אן האבן זיך אלע קינדער אויפגעשטעלט פון די פלעצער און יעדע חדר האט געמאכט א רינג (אזוי ווי גרויסע קינדער) און מיר נעמן זיך טאנצן לעבעדיג און מיר זינגען צוזאמען א שיינע חנוכה ליד. לכ' די הייליגע חנוכה ליכטעלעך....

דער טראק איז נאך אלס נישט דא, איז געקומען א חשובער רבי, ר' מנלי בראך און ער האט אונז געוויזן וואו ער שפילט מיט זיין עכטע פידל, דעם שיינעם לידל "סרח בת אשר" און נאך שיינע לידעלעך...

## ✪פאפ קארן, פאפ קארן, האפ האפ האפ

זייער געדולדיג זענען מיר געזיצן מיט דרך ארץ און געווארט און מיר זענען געזעצן מיט גרויס דרך ארץ (אלע טאטעס און מאמעס מעגן וויסן אז די קינדער האבן זיך מורא'דידג שיין אויפגעפירט כאטש עס האט געונמען לענגער ווי ערווארטעט, דאך זענען מיר נישט ארויס פון די גלייזן..). אהו! ענדליך איז די טראק אנגעקומען, און עס קומט אריין אין לאנט"ש רו"ם א ריזיגע פאפקארן מאשין. מען פילט עס שנעל אן מיט פאפקארן סידי'ס, אויל, און זאלץ. ביז מיר הייבן אן שוין אן שמעקן און זעהן א רויעך... ענדליך פאפן ארויס פאפקארן איינס נאך די צווייטע און די גאנצע מאשין ווערט פיהל מיט פאפקארן. מיין רבי טיילט אונז אויס די פיינע פאפקארן, און מיר טראגן אהיים לכ' חנוכה.

## ✪נייע טישן ענדליך אנגעקומען

עס איז נישט קיין סוד אז די טישן אין עס־זאל זענען לעצטענס נישט געווען אין דעם בעסטן צושטאנד - שיין גערעדט. דערפאר טוט הנהלת הקינדערגארטן שטארק באגריסן דעם איינזעהניש פון די געטרייע הנהלת המוסדות וואס האבן נישט געשוינט קיין געלט און באשטעלט נייע טישן פאר די וואוילזיין פון די קינדערלעך. די וואך איז אנגעקומען צענדליגע נייע טישן וועלכע זענען תיכף אריין אין באנוץ, צו דעם גרויס צופרידענהייט פון אלע רבי'ס און די טייערע קינדערלעך. אן עקסטערע דאנק קומט זיך פאר אונזער מענידשער מו"ה **משה לוי ברוין** הי"ו וואס איז געשטאנען דערויף אז די זאך זאל צושטאנד קומען די שנעלסטע וואס מעגליך.

## ✪מזל טוב פון די וואך

הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א הערצליכן מזל טוב פאר
המלמד החשוב

מו"ה **שמוא' שפילמאן** שליט"א

צו דעם אפשערן פון זיין אייניקל נ"י
דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע אייערע קינדער
און אייניקלעך געזונטערהייט מתוך נחת והרחבת הדעת עמו"ש

ווי אויך פאר המלמד החשוב

מו"ה **ישרא' פארקאש** שליט"א

צו דעם אפשערן פון זיין זוהן הילד היקר הערשי נ"י
דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט אים מגדל זיין לתורה לחופה ולמעשים טובים
מתוך נחת והרחבת הדעת.

# ווער האט געטראפן די קריגעלע אויל?

מאנטאג 1:00 אזייגער האט זיך פלוצלינג אנגעצינדן די אינטערקאו"ם פון חדר, מיט א פריילכע חנוכה ניגון און מיין רבי רופט אויס! "אלע קינדער זאלן זיך נעמען אויפזיכן די באהאלטענע קריגל וואס איז דא אין אונזער חדר. מיר האבן געזוכט און געזוכט, ביז מיר האבן דאס געטראפן. פאלגענד זענען די קינדער וואס האבן געפונען דעם קריגעלע יעדער אין זיין חדר.

**ר׳ אהרן קרויס**
מענדי פאסטערנאק
**ר׳ אברהם משה טויב**
ישראל מאיר שווארטץ
**ר׳ שלמה ברייער**
ליפא געשטעטנער
**ר׳ משה גפן**
שלו׳ דוב קויפמאן
**ר׳ יואל הערשקאוויטש**
**ר׳ יואל קויפמאן**
הערשי פארקאש
**ר׳ שלמה משה וויינבערגער**
**ר׳ חיים יוסף שווארטץ**
אהרן מרדכי פריעדמאן
**ר׳ וואלף שניטצער**
**ר׳ יואל זאב שעהר**
משה שעהר - משה לעווי
**ר׳ שמוא׳ שפילמאן**
זושא שמאיע

**ר׳ עמרם אקער**
יצחק פאלאטשעק
**ר׳ יצחק אייזיק מיללער**
**ר׳ חיים ראבן שעהנברוין**
שמוא׳ זאנוויל בערגער
**ר׳ פישל האלפערט**
זלמן לייב אונגאר – יעקב מרדכי ווייס
יצחק אהרן ניישטאדט
**ר׳ יעקב שפילמאן**
חיים ראובן פרידריך
**ר׳ שלו׳ בערקאוויטש**
משה הערשקאוויטש
**ר׳ מנלי בראך**
הלל ווייס - בנציון בערקאוויטש
**ר׳ משה באסול**
אליעזר זוסיא גרינפעלד - חיים ברוך סופר
**ר׳ אשר ישעי׳ פיעירשטיין**
הערשי שטיינמעץ - מיכא׳ הערשקאוויטש
**ר׳ משה יעקב גרינוואלד**
נתן הערש שניצטער - יצחק סופר

**ר׳ יוא׳ ראלניצקי**
**ר׳ חיים י׳ האלפערט**
יחזקא׳ מנחם קאהן
**ר׳ אלי׳ ראטה**
משה יוסף שווארטץ
**ר׳ יואל גוטמאן**
יעקב הערש מערמלשטיין
אברהם שלמה לאנדא – אהרן יוסף עקשטיין
**ר׳ מאיר שפיטצער**
**ר׳ פישל סופר**
נפתלי הירצקר זאבעל
**ר׳ אביש אקער**
**ר׳ נפתלי ה אפענהיים**
יוסף יושע כהן - שלו׳ נחמן ווייס
אליעזר מיטעלמאן
**ר׳ אהרן שמוא׳ גלאנץ**
**ר׳ נחמן דוד שמידמאן**
קלמן אליעזר עקשטיין














## איך בין דריי יאהר

מזל טוב
הילד היקר
**מנשה זאבעל נ"י**
**בן מו"ה יוסף ישעי׳ הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**הערשל פארקאש נ"י**
**בן מו"ה ישראל הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**ישרא׳ מאיר קרויס נ"י**
**בן מו"ה יצחק הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**יעקב קליין נ"י**
**בן מו"ה אברהם לייב הי"ו**
צו זיין אפשערן למז"ט

דער אייבירשטער זאל העלפן איר זאלט אויסוואקסן גרויסע ערליכע אידן תלמידי חכמים
יראי׳ ד׳ אייערע עלטערן זאלן זעהן פון ענק אסאך אידיש נחת געזונטערהייט עמו"ש